המשך מדינת ישראל געשיכטע 30

דורך מלכת שב"א

אין די זעלבע צייט, פרילינג 1948, זענען צוויי אנדערע סארזשענטס פון די בריטישע ארמיי, איינער פון אירלאנד מיטן נאמען מייקעל פלאנאגאן און א צווייטער פון סקאטלאנד מיטן נאמען הערי מק'דאנאלד, וועלכע פלעגן פארברענגען אסאך פון זייער צייט אין א קאפע אין חיפה, דארט האבן זיי זיך אפגערעדט אויפן זיך אומקערן אהיים. פלאנאגאן ספעציעל, אן אויטא מעכאניקער פון פאך אויס אין אירלאנד, ער האט נישט קיין צוקונפט אין זיין ארבעט. געפלאנט האט ער צו שטודירן אין אוניווערזיטעט, אבער זיינע ארעמע עלטערן האבן דאס נישט געקענט פינאנצירן.

"אין בריטאניע, האבן בלויז די רייכע סוקסעס. איך גיי עמיגרירן קיין קאנאדע אדער אויסטראליע. אפשר דארט וועט מיין מזל אויפשיינען." האט ער גע'טענה'ט צו מק'דאנאלד.

ביידע פון די צוויי, זענען זייער גוט געווען אין זיך ארויפכאפן אויף א מציאה –אריינגערעכנט די מציאה וואס האט זיך פארגעשטעלט פאר זיי, אין יענע ווארעמע מערץ טאג. זיי האבן זיך אפגעשטעלט איבערבייסן ביים קאפע, האבנדיג א טראק פול מיט פעסער גאזאלין. אן אפיציר אין זייער באזע האט זיי פאראארדענט צו אפ'פטר'ן די פעסער, דאס איז געווען די פאליסי פון די ארמיי, נישט איבערצולאזן קיין "ירושה" פאר די אידן אדער אראבער. זופנדיג קאווע, זענען זיי איבערגעגאנגען דעם פלאן, ווי אזוי צו ליקווידירן די גאזאלין. אינמיטן זייער שמועס, האט א מאן מיט רויטליכע האר, זיך צוגעריקט צו זייער טישל, געשמייכעלט און געזאגט: "צום באדויערן האב איך מיט געהאלטן ענקער שמועס, פארוואס ליקווידירן די גאזאלין? איך וועל דאס אפקויפן פון ענק!"

די צוויי מיליטערלייט האבן זיך אנגעקוקט איינעם דעם צווייטן. "קיינער האט נישט געזאגט, ווי אזוי צו ליקווידירן. פארוואס דען נישט, דאס קען אונז שפארן קאפ וויי."

פלאנאגאן האט געגעבן א ווארף דעם שליסל אין ריכטונג פון דער רויט האריגער מאן, וועלכער איז געווען ערשטוינט פון די דיל געמאכט אין אזא קורצע וויילע. "נעם אלעס וואס ליגט אינעם קארגא טייל פונעם טראק, מזל טוב."

דער רויט האריגער מאן האט זיך געטראפן מערערע מאל מיט די צוויי סארזשענטס, אין די צייט נאכפאלגענדיג דעם עפיזאד, זיי האבן זיך אזוי געפריידט ווען איטליכער פון זיי האבן געשארט געלט פון כל מיני "געשעפטן", גאזאלין אדער וויכטיגער פון דעם געווער. איינמאל האט דער רויט האריגער געלאדענט די צוויי אויף א נאכטמאל ביי זיין "חבר" אין שטוב. נאכן אפעסן א סעודה פון געפילטע פיש און געבראטענע פלייש, האבן זיך די פיר מענטשן אוועקגעזעצט שמועסן איבער קאווע.

דער גאסט געבער איז גלייך געקומען צום נקודה און ציל פונעם איינלאדענונג, ער האט זיך גערופן דוב, טרוקענערהייט האט ער געזאגט, "מיר מוזן האבן גוטע און פארפאנצערטע טאנקן, אויב נישט וועלן די אראבער אונז צעשמעטערן. די איינציגסטע פלאץ וואס קען אונז צושטעלן דעם סארט מאשין, איז די בריטישע ארמיי –מיט ענקער הילף."

די צוויי זענען געווארן איבעראשט. אמת, זיי זענען ביידע טאנק מעכאניקער, יעצט ביים עוואקואציע, איז זייער פליכט צו היטן אויף די פיר לעצט פארבליבענע טאנקן אין חיפה. ארויסשווערצן געווער פון די באזע און פארקויפן פאר די אידן איז א ריזיקע, אויף אזאנס האבן זיי זיך נישט גערעכטן, העלפן די ארמיי מיט פטר'ן די סורפלוס נישט וויכטיגע זאכן ממילא, אבער טאנקן איז געווען צופיל.ביידע פון זיי האבן געהאט א גוטע בליק איבער די אידן, ספעציעל פלאנאגאן פון אירלאנד, וועלכער האט געזען אין די אידן א פאלק, וואס פונקט ווי די איירישע שלאגן זיי זיך קעגן די אימפעריאליסטישע ענגלישע רעגירונג. אבער צו שמוגלען געווער און 'טאנקן', איז נישט מער פון א

פאנטאסטישע דמיון. אויב ווערן זיי אנטדעקט, וועלן זיי אין בעסטן פאל פאראורטיילט ווערן צו לענגערע טערמינען אין טורמע –אויסער אויב דעזערטירן זיי.

"איך בין נישט אזוי זיכער אז דער פלאן קען ארבעטן," האט פלאנאגאן געענטפערט, נאכן אריינטראכטן פאר א מינוט האט ער צוגעלייגט, "אפשר צוויי פון די פיר טאנקן קען מען ארויס'גנב'נען."

דוב האט געענטפערט, "ניין! אונז ווילן אלע פיר."

"מיר זענען צוויי מעכאניקער, ווער וועט אפפירן די אנדערע צוויי טאנקן?" האט מק'דאנאלד געפרעגט.

"לערנטס אויס אונזערע טראק דרייווער ווי אזוי צו אפפירן און מאנעווירן א טאנק." האט דוב פארגעשלאגן.

"וואו פלאנט איר, זיי צו טרענירן? מיר האבן נישט קיין טאנקן דא זיי אויסצולערנען."

"ווער דארף טאנקן? מאלטס בילדער פונעם טאנק און זיי וועלן זיך לערנען גלייך דא, אין די דירה."

די צוויי סאלדאטן זענען געווארן נאך מער ערשטוינט. "די טאנק, ספעציעל די קראמוועל טאנק, איז גאר קאמפליצירט. א מענטש וועט זיך קיינמאל נישט אויסלערנען פירן א טאנק אן זיך לערנען אין רעאליטעט. איר פאנטאזירט פיין."

"טראכטס ענק איבער." און די געשפרעך האט זיך געענדיגט.

אפאר טעג שפעטער, זענען די צוויי געקומען צו א באשלוס, זיי זענען צוריק צום זעלבן דירה, "מיר זענען גרייט, ווען הייבט מען אן שולע?"

"היינט אווענט זיבן אזייגער."

"פיין. מיר גייען ארומרוקן די מעבל אין שטוב, זיי זאלן ארויסהאבן דעם געדאנק ווי אזוי א טאנק קוקט אויס פון אינעווייניג. ענק זאלן אבער וואוסן, ענק זענען טויט צעדרייט! מיר זענען אויך פארן איינשטימען צום געדאנק. דאס איז די מערסט אומנארמאלסטע פלאן וואס אונז האבן נאר אמאל געהערט."

ווי וויכטיג די אומלעגאלע ארבעט פון פארשאפן געוועהר אין די פאראייניגטע שטאטן און אין פאלעסטינע זענען געווען, האט בן גוריון פארשטאנען אז דאס וועט פראדוצירן גאר נידריגע רעזולטאטן אין באוואפענען די פאלק, ספעציעל אויב וועלן די אידן מוזן ארויסגיין אויפן אפענסיוו. די איינציגסטע וועג פון איינהאנדלען די נויטיגע קוואנטומען פון געוועהר געפאדערט פאר א קריג, איז בלויז דורך אפציעלע פארבינדונגען מיט אנדערע מדינות, נאר אזוי וועט מען קענען באקומען שווערע געוועהר, עראפלאנען, וואס קען אפשטויסן א מעגליכע אראבישע אטאקע פון רעגולארע ארמייען. די בעסטע אויסזיכטן פאר באציאונגען מיט אנדערע לענדער זענען אייראפעאישע.

אין פאקט, רוב פון די געוועהר וואס די הגנה האט פארמאגט און צוזאמגענומען זינט די צווייטע וועלט מלחמה, איז געקומען פון אייראפע, אבער באהאלטענערהייט. די ערשטע שיפמענט איז אנגעקומען קיין פאלעסטינע, אין יאר 1945, פון די אינזל ראודס, גריכנלאנד, פארשטעלט אלס ביכער. דערנאך זענען אונטערגענומען געווארן א רייע אנדערע שמוגלערייען, מיט די הילף פון מיטגלידער וואס האבן אנגעהערט די "אידישע בריגאדע", וואס האבן געקעמפט אונטער די בריטישע ארמיי דורכאויס די מלחמה. די וועטעראנען פון די אידישע בריגאדע, האבן געהיטן אויף געהיימע מאגאזינען מיט וואפן, וואס די הגנה פלעגט אראפנעמען א פראצענט פון די וואפן, פונקט גענוג אז די בריטישע שפיאנאזש זאל נישט באמערקן, דערנאך אריינשווערצן אין לאנד. ווען די בריגאדע האט אויפגעהערט צו פונקציאנירן, האבן די מיטגלידער אפגעגעבן אויף וואס זיי האבן נאר געקענט לייגן א האנט, צו די הגנה. מיט די

הילף פון די אידישע אונטערוועלט אין פראנקרייך, האבן זיי באהאלטן די געווער אין אידיש קאנטראלירטע אינסטיטוציעס ווי בתי יתומים אדער פליטים רעהאביליטאציע לאגערן.

די פראנצויזן האבן אנטדעקט די אומלעגאלע אקטיוויטעטן און אויפגעבראכן די קרימינאלע גרופע, נאך גרויס דרוק האט די פראנצויזישע רעגירונג איינגעשטימט ארויסצולאזן די געווער קיין אנדערע לענדער. די וואפן זענען טראנספארטירט געווארן קיין איטאליע, פון דארט מיט א שיף קיין פאלעסטינע ווי "אינדוסטריע מאשינעריע", נאכדעם וואס די געווער איז צענומען געווארן אויף פיצלעך שטיקער, און קלארע אנווייזונגען ווי אזוי דאס צוריק צאמצושטעלן. איטליכער פון די 'פראדוקטן' זענען געפאקט געווארן אנדערש אין באזונדערע שאכטלען, די שאכטלען זענען דערנאך אריינגעלייגט געווארן אין גרויסע האלצערנע קאסטענעס, אויף אזא אופן אז אויב קאסטומס וועט באטראכטן דעם אינהאלט פונעם קאסטן, וועט דאס פון אויבן אויסזען ווי ציווילע געברויכן פאר אינדוסטריע, און ער וועט נישט אויספאקן די גאנצע קאסטן און באמערקן די אינטריגע.

די געפארפולע און געהיימע אפעראציע אינעם אייראפעאישן קאנטינענט, איז דירעקטירט געווארן דורך מוניע מארדור. מיט גרויס סוקסעס איז אלעס אנגעקומען קיין פאלעסטינע, אויסער איינמאל ווען די צעטלעך מיט די אנווייזונגען, ווי אזוי צוריק צו שטעלן די חלקים איז אנגעקומען צו די אראבישע דעפארטמענט פון קאמערץ אין חיפה בטעות. צום ענדע האט זיך דאס אויך געענדיגט אן קיין אינצידענט, א בריוו מיט א פארלאנג צו שיקן די אנווייזונגען צו א פאסט אפיס קעסטל איז איבערגעגעבן געווארן, אונטערגעשריבן דורך א באוואוסטע אראבישע אימפארטירער, די דעפארטמענט פון קאמערץ האט דאס גלייך איבערגעגעבן. אין ענדע יאר 1947, האבן שמוגלער אריינגעברענגט 200 ברען ביקסן, 1500 געהעריגע ביקסן, און נאך 400 שווערע מאשין געווער.

אין נאוועמבער יענע יאר, איז בן גוריון געווארן מיואש. אזויפיל פראבלעמען און ריזיקע פאר אזוי ווייניג געווער. ער האט דאן אריינגערופן זיין מיטליטערישע סעקרעטאר, נחמיה ארגוב. "איך מיין אז עס איז העכסטצייט צו שיקן אהוד אויף נאך א מיסיע. זיי אזוי גוט, גיי צו זיין קיבוץ און ברענג אים אהער."

"אהוד, לאז איבער דיינע אייזלען און קום מיט מיר." אהוד אבריאל האט זיך אומגעקוקט זען ווען רופט אים, ווען ער הט דערזען זיין אלטע חבר נחמיה וואס קומט נענטער צו אים. קען א מענטש נישט אקערן זיינע פעלדער רואיג? ער איז ערשט צוריקגעקומען פון א מיסיע אין פאריז, דארט האט ער אנגעפירט אקטיוויטעטן פון די 'מוסד', די ארגאניזאציע וואס געט זיך אפ מיט אומלעגאלע עליה. זינט די צווייטע וועלט מלחמה דרייט ער זיך מיט די איבערלעבער, יעצט דארף ער אביסל וואקאציע, זיין אליין מיט די ערד און די בהמות."

קום שוין האט נחמיה ארגוב געמוטשעט. "וואש דיך אפ און טו דיך אן."

"פארוואס?" ארגוב האט צוריקגעענטפערט, "בן גוריון וויל דיך זען, אויף וואספארא טעמע איז א סוד."

ווען אבריאל איז אריין אין בן גוריונס ביורא אין ירושלים, איז ער געווארן אויפגענומען מיט אן ברייטע שמייכל.

בן גוריון האט זיך לאנג נישט פארזוימט און גלייך געקומען צום נקודה, "אהוד, אויב די לאנד ווערט צעטיילט גייט אויסברעכן א מלחמה, אויב ווערט די לאנד נישט צעטיילט גייט ווייטער זיין מלחמה, אונז מוזן האבן געווער. נישט א קליין ביסל ווי ביז יעצט, נאר גאנצע שיפן מיט וואפן –ארטילעריע, טאנקן, קאמפס פליגער, ביקסן פון אלע מינים. פאר אויף אייראפע פאר זעקס וואכן, ערלעדיג דאס פאר די צוקונפט פון אונזער פאלק." מיט א רשימה אין די האנט האט בן גוריון געזאגט "קוק דא אויפן פאפיר, אלעס וואס מיר דארפן שטייט דא געשריבן."

אבריאל האט שוין לאנג אויספלאנירט אזא מיסיע. ער האט גענומען די צעטל און אריינגעלייגט אין בוזעם טאש.

גלייך דערנאך האט ער זיך איינגעפאקט, מיט נעמענדיג אפציעלע דאקומענטן וואס הגנה אגענטן האבן גע'לקח'נט פון די עטיאפישע אמבאסאדאר אין וואשינגטאן, ווען זיי האבן פרובירט צו איבערצייגן יענע רעגירונג, אז זיי זאלן

אריינלאזן פליטים פון אייראפע אויף צייטווייליג אין זייער לאנד. די אגענטן האבן אויך 'געבארגט' דעם פריוואטן זיגל פון דער גענעראל קאנסול. יעצט וועט מיסטער אובעראל פון די אפריקאנע מדינה מאכן וואפן געשעפטן אין אייראפע.

אין געציילטע טעג איז אהוד אבריאל געווען אין פאריז. די אנדערע גענטן האבן ארגאניזירט א צימער פאר אים אין די קאליפארניע האטעל, דארט האט ער געטראפן זיבעצן מענטשן אין צוויי טעג, אלע פון זיי האבן זיך ארויסגעוויזן צו זיין אומגלויבאר און האבן געבעטן ארויפגעשרויפטע פרייזן, א טייל פון זיי זענען געווען טונקעלע כאראקטערן פון מאפיא א.ד.ג.

"די סיטואציע איז שלעכט, איך בין קוים אנגעקומען און קיינער איז נישט צום זאך." האט אבריאל געזאגט צו יוסף, איינער פון די הגנה אגענטן וואס האבן מיטגעארבעט אויפן זעלבן פראיעקט.

"איך האב נאך איינעם וואס דו מוזט טרעפן." האט יוסף געזאגט.

"ניין, איך בין שוין זאט פון טרעפן אזעלכע סארט מענטשן, אונזער מצב איז הילפסלאז."

"דו מוזט", האט יוסף זיך גע'עקשנ'ט, ער איז אן ארענטליכער מענטש. ער קען אונז העלפן. וואס זאגסטו אויף דעם? איך וועל אים אנקלונגען."

"ניין!"

"קוק אהער, ער קויפט מיך שטענדיג בילעטן פאר טאנץ פארשטעלונגען. ער ווייסט אז דו ביסט דא, אויב וועלן ענק זיך נישט טרעפן וועט ער מיר קיינמאל מער נישט קויפן קיין בילעטן, פאר די טייערע פארשטעלונגען."

"פיין," אבריאל האט זיך געבראכן, "איך ווייס דו האסט זייער ליב באלעט טאנץ פארשטעלונגען. בין איך מסכים. וואס איז זיין נאמען?"

"די מענטש מיט וועם דו גייסט זיך טרעפן, הייסט ראבערט אדאם."